**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול האט היינט געמאלדן דרעפט פייער קאוד שפראך וואס אדרעסירט רעקאמענדאציעס פון די אינטעראגענטור פייער זיכערהייט ארבעט-גרופע**

***דרעפט קאוד שפראך נעמט אריין טוישונגען צו פארבעסערן קאארדינאציע און עמערדשענסי גרייטקייט***

***וועט פארבעסערן זיכערע און געטרויבארע וואוקס פון בעטערי סטארידזש מעגליכקייט, א קריטישע באשטאנדטייל צו די ריינע ענערגיע טויש***

***ארבעט גרופע איז געשאפן געווארן צו פארבעסערן זיכערהייט סטאנדארטן פאר בעטער ענערגיע סטארידזש סיסטעמען***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אפדעיטס צו די ניו יארק פייער קאוד וואס ענטהאלט דרעפט קאוד שפראך צו אדרעסירן די רעקאמענדאציע פון די גאווארנער'ס אינטעראגענטור פייער זיכערהייט ארבעט-גרופע (Interagency Fire Safety Working Group). די דרעפט קאוד שפראך נעמט אריין אפטעידס און ביילאגעס צו פארבעסערן קאארדינאציע, זיכערהייט און עמערדשענסי גרייטקייט אין די פלאנען פון ענערגיע סטארידזש פראיעקטן. ווען די בעטערי ענערגיע סטארידזש סיסטעמען (BESS) אינדוסטרי אנטוויקלט זיך, וועלן די פארגעשלאגענע רעקאמענדאציעס פארבעסערן די זיכערע און געטרויבארע וואוקס פון BESS פעהיגקייט וואס איז קריטיש צו די ריינע ענערגיע טויש.

"בעטערי סטארידזש איז א הויפט טייל צו בויען א גרינע עקאנאמיע דא אין ניו יארק, און מיר האבן גענומען אויספירליכע באמיאונגען צו פארזיכערן אז די פולע זיכערהייט סטאנדארטן זענען אין פלאץ," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "מיטן אפדעיטן פייער קאודס, פארזיכערן מיר אז ניו יארק'ס ריינע ענערגיע טויש ווערט געטון פארזיכערט און געטרויבאר."

גאווארנער האקול האט צאמגענומען די ארבעט גרופע אין 2023 צו פארזיכערן אז די זיכערהייט און פארזיכערונג פון ענערגיע סטארידזש סיסטעמ, נאכפלאגנדיג פייער אינצידענטן אין איינריכטונגען אין דזשעפערסאן, אראנדזש און סופאלק קאונטיס. די ארבעט גרופע איז באאויפטראגט געווארן צו זעלבסטשטענדיג באטראכטן ענערגיע סטארידזש איינריכטונג פייערן און זיכערהייט סטאנדארטן און שאפן א דרעפט פייער קאוד רעקאמענדאציעס ראפארט.

אינטערסירטע פארטייען זענען איינגעלאדנט אריינצוגעבן באמערקונגען פארבינדן צו די דרעפט קאוד שפראך דורך די נאטיץ און רול אין דעוועלאפמענט פראצעדור מיט די ניו יארק דעפארטמענט אוו סטעיט ביז סעפטעמבער 24, 2024. זעט [די רול אין אנטוויקלונג](#).

פראפאזעל רעקאמענדאציעס רעכענע אריין:

- פאדערן אינדוסטי-פינאנצירטע זעלבסטשטענדיגע איבערקוקן איבערזיכטן פאר אלע BESS אינסטאלאציעס וואס שטייגן איבער ענערגיע פעהיגקיט-שוועל אוועקגעשטעלט פאר ליטיום-יון בעטעריס;
- פאדערן אז קוואליפיצירטע איינגעשטעלטע אדער פארשטייערס מיט וויסנשפטן פון די BESS אינסטאלאציע זענען מעגליך ארויסגעשיקט צו ווערן אונטער 15 מינוט און קענען אנקומען צו די סצענע אונטער פיר שעה צוזושטעלן שטיצע צו לאקאלע עמערדשענסי ארבעטער אין פאל פון א BESS פייער.
- אויסברייטערן זיכערהייט שילדן פאדערונגען ארויס פון די BESS יוניט ארייננצונעמען ארומנעמענדע צוימען אדער זיכערהייט צוימען און ארייננעמען א מאפע פון די פלאץ, BESS איינשליסונגען, און אנגעשלאסענע געצייג.
- באזייטיגן די פייער קאוד פריישטעלונג פאר BESS פראיעקטן געהערנדיג אדער אפערירט דורך עלעקטרישע ייוטיליטיס צו פארזיכערן אז אלע פראיעקטן שטימען מיט די פייער קאוד
- אריינרעכענענדיג א פאדערונג אז יעדע BESS איינריכטונג איז אויסגעשטאט מיט אן עמערדשענסי ענטפערונגס פלאן (ERP) און פאדערן ספעציפיש-אויף-די-פלאץ טרענירונג צו ווערן פארגעשלאגן פאר לאקאלע פייער אפטיילונגען זיי צו באקענען מיט די פראיעקט, געפארן פארבינדן מיט BESS, און פראצעדורן אויסגערעכנט אין די ERP.
- אריינרעכענעדיג א פייער קאוד פאדערונג אין אלע BESS אינסטאלאציעס נאכצוקוקן פייער שפירונג סיסטעמס דורך א צענטראלע סטאנציע סערוויס אלארם סיסטעם צו פארזיכערן צייטליכע, גוטע נאטיפיקאציע צו די לאקאלע פייער אפטיילונג אין פאל פון א פייער אלארם.
- אריינברענגען א נייע פראוויזשן אין די פייער קאוד באפעלנדיג געוועגליכע אינדוסטי-פינאנצירטע ספעציעלע אינספעקציעס פאר BESS אינסטאלאציעס צו פארזיכערן גרונטליכע זיכערהייט און מיטארבעט.

די ארבעט גרופע האט צוזאמענגעארבעט מיט נאציאנאלע לאבעראטאריעס און אנדערע פאלק-פירנדע סוביעקט עקספערטן איבערצוקוקן אלע עקזיסטירנדע קאודס און טעסטן פראצעדורן בשייכות צו די אנטווילונג און עלעקטיפיקאציע פון בעטערי ענערגיע סטארידש סיסטעמס און אשאפן א דרעפט פייער קאוד רעקאמענדאציע רעפארט. אין אנפאנג 2024, האט NYSERDA געבעטן פובליק באמערקונג פון סוביעקט עקספערטן און אינטערסירטע סטעיקהאולדערס צוצטשעלן פידבעק אויף די רעפארט. באמערקונגען זענען באקומען, איבערגעקוקט און איינגעפירט געווארן וואו פאסיג דורך די ארבעט-גרופע.

זע די לעצטע רעקאמענדאציעס פון [די ארבעט גרופע](#).

**סעקרעטערי אוו סטעיט וואלטער ט. מאסלי האט געזאגט**, "ליטיום-יון בעטעריס און ענערגיע סטארידש איינריכטונגען שפילן א גרויסע ראלע אין ניו יאר יארק'ס ארבעט צו דערגרייכן אונזער ריינע ענערגיע צילן. גאווארנער האקול אנערקענט די וויכטיגקייט פון שטעלן די פאסיגע זיכערהייט סטאנדארטן אין פלאץ פאר די נייע, אבער קריטישע, טעכנאלאגיע, און די דרעפט שפראך באזיט אויף רעקאמענדאציעס פון די גאווארנער'ס ארבעט גרופע וועט העלפן פארזיכערן די זיכערע אפעראציע פון די איינריכטונגען אין די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) קאמישענער דזשעקי ברעי האט געזאגט**, "DHSES שטיצט די רעקאמענדאציעס פון די ארבעט גרופע און די ארייננעמען פון אפדעיטעד

פייער קאודס און פראצעדורן אז מיר זאלן קענען ווייטער העלפן באשיצן לעבנס און פראפערטי נוצנדיג מאדערנע פירונג, געצייג און טעכנאלאגיע."

**פרעזידענט און CEO פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסוירטש און אנטוויקלונג אטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) דארין מ. העריס האט געזאגט**, "ווען מיר רוקן זיך פאראויס צו א ריינע ענערגיע צוקונפט, ווען די קאוד פארבעסערונגען, אויב איינגעפירט, זיין קריטיש אין פארבעסערן די שטאנדהאפטיגקייט, און עפעקטיווקייט פון ניו יארק'ס נעץ און אין די זעלבע צייט פריאריטיזירן זיכערהייט פאר ניו יארקערס. NYSERDA לויבט אויס די ניו יארק אפטיילונג און סטעיט פארן נעמען שנעלע שריט צו פאראויסרוקן די רעקאמענדאציעס פון די גאווארנער'ס אינטעראגענטור פייער זיכערהייט ארבעט גרופע, און קוקט ארויס צו אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט אנדערע סטעיט אגענטורן צו פארבעסערן זיכערהייט און סטאנדארטיזירן די בעסטע פירונגען צו מאכן ניו יארק אלס א נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע פירער אין פייער זיכערהייט און סטאציאנירטע ענערגיע סטארידש סיסטעמס."

**דעפארטמענט און ענווייראמענטאל קאנזערוואציע ( Department of Environmental Conservation) אינטערים קאמישענער סין מאהאר האט געזאגט**, "ניו יארק'ס סטעיט'ס פיל-אגענטור רעקאמענדאציעס פאר פארבעסערטע עמערדזשענסי פלאנירונג, מיטטיילן אינפארמאציע, און אנדערע פארזיכטיגקייט מאסנאמען וועלן זיין א הויפט טייל צו העלפן פארזיכערן אז געמיינדעס זענען צוגעגרייט פאר מעגליכע פייערן. בעטערי סטארידש איז א קריטישע טייל צו העלפן דערגרייכן די סטעיט'ס אמביציעזע קלימאט צילן און די אנגעשטרענגטע אפשאצונגען און טוישונגען דורכאויס די וועג וועלן פאראויסרוקן פארבעסערונגען סיי אין אפעראציעס און סיי אין פובליק זיכערהייט."

**דעפארטמענט און פובליק סערוויס CEO ראָרי מ. קרישיאן האט געזאגט**, "לויט די וויכטיגקייט פון באשיצן די פובליק, וועט די אפטיילונג ווייטער ארבעטן צו פארזיכערן אז זיכערהייט קומט ערשט ווען מיר זעען ווי מער און מער בעטערי סטארידש איינריכטונגען פאנגען אן צו אפערירן. מיר אפלאדירן די פאראייניגטע אנשטרענגונג צוריקצוהאלטן און פארמינערן די מעגליכקייט פון פייער אינצידענטן ביי די ענערגיע סטארידש צענטערס."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף א וועג צו א זירו-עמישן עלעקטיסיטי אפטיילונג ביז 2040, אריינרעכענענדיג 70 פראצענט באנייבארע ענערגיע גענעראציע ביז 2030 און עקאנאמיש-ברייטע קארבאן נוטראליזירונג ביז האלב פונעם יאר הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען.

די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און אן איבער 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. פארטנערשאפטן ברענגען ווייטער פאראויס ניו ארק'ס קלימאט אקציע מיט מער ווי 400 רעגיסטרירטע און מער ווי 130 סערטיפייד קלימאט קלוגע געמיינדעס ( Climate Smart Communities), איבער 500 ריינע ענערגיע געמיינדעס, און די סטעיט'ס גרעסטע געמיינדע לופט מאניטארינג איניציאטיוו אין 10 באזייטיגטע געמיינדעס דורכאויס די סטעיט צו העלפן צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן